**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/2/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דירעקטירט סטעיט אגענטורן ארויסצושטעלן נאך עסעטס דאונסטעיט צו העלפן לאקאלע רעגירונגען אויפ׳ן שפור פון היסטארישע שטורעם און פארפלייצונג אינצידענט**

***ראיאן אין סטעיט אװ עמערדזשענסי נאך איבערבלייבענישן פון האריקעין איידע באקלאפט דער הודסאן וואלי, ען-ווייַ-סי מעטרא, און לאנג איילענד ערטער מיט מער ווי אכט אינטשעס רעגן, פלעש-פלאד אינצידענטן, ענערגיע אויסלעשונגען, און באטרעפונגען צו טראנספארטאציע סיסטעמס.***

***פילצאליגע סטעיט הייוועיס בלייבן פארמאכט אין ניו יארק סיטי און הודסאן וואלי ראיאנען; עם-טי-עי סערוויס איצט אפגעשטעלט אדער באגרעניצט צוליב שווערע רעגנס און פלייצונגען***

***סטעיט פייער, סטעיט פאליציי, און DEC אנטיילגענומען אין אומגעפער 100 רעטונג אקציעס אין ראקלענד און וועסטשעסטער קאונטיס***

***לייענט עקזעקיוטיוו ארדער דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט באזוכט ערטער באטראפן דורך דער שטורעם און דירעקטירט נאך סטעיט אגענטור עסעטס צו דער הודסאן וואלי, ניו יארק סיטי, און לאנג איילענד ראיאנען צו העלפן קאמיוניטיס זיך ערהוילן נאך די איבערבלייבענישן פון האריקעין איידע ציען זיך דורך דער דאונסטעיט ראיאן מיטוואך נאכט און ליפערט היסטארישע מאסן רעגנגאס, ברענגנדיג פלעש-פלאד אינצידענטן, פאווער אויטעדזשעס, און לעבנס-דראענדע אומשטענדן אין עטליכע ערטער. מערערע גאסן און שאסייען לענגאויס ניו יארק סיטי, לאנג איילענד, און דער אונטערשטער טייל פון מיטל-הודסאן זענען פארפלייצט געווארן און צומאל אומדורכגאנגבאר, מיט דאס רעטן פון מענטשן פארכאפט אין זייערע קארס אין די פלייץ-וואסערן. פובליק טראנזיט אין ניו יארק סיטי איז געקומען צו אן אפשטעל אזוי ווי באנען און סאבוועיס זענען אפעקטירט געווארן דורך פלייצונגען אין עטליכע לאקאציעס איבערנאכט. רעגנגאס ראטעס פון ביז דריי אינטשעס פער שעה, די העכסטע סיי ווען רעקארדירט דורך דער NYS "מעסאנעט" האבן באטראפן מערערע לאקאציעס, מיט רעגנגאס געמאסטן איבער אכט אינטשעס אין צענטראל פארק, און איבער זעקס אינטשעס ביי לאגווארדיגע עירפארט.

ניו יארק סטעיט סוויפט-וואָטער רעסקיו מאנשאפטן האבן געארבעט א גאנצע נאכט אינאיינעם מיט ארטיגע פוירסט רעספאנדערס צו ראטעווען און עוואקואירן ניו יארקערס. סטעיט פייער, סטעיט פאליציי, און "דעפארטמענט אָוו ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען" האבן אנטיילגענומען אין אומגעפער 100 רעטונג אקציעס אין ראקלענד און וועסטשעסטער קאונטיס. אויב א היים אייגנטימער ווערט ארויסגעזעצט פון דער היים צוליב פלייצונגען, וועלן די אין נויט ווערן אונטערגעהאלטן דורך דער רויטער קרייץ אדער קאמיוניטי-באזירטע שעלטערס.

"ניו יארק בלייבט אונטער א סטעיט אוו עמערדזשענסי פאר דאונסטעיט קאונטיס אפעקטירט דורך די איבערבלייבענישן פון איידע, און דער סטעיט איז אנטשלאסן צו פארזיכערן אז אלע נויטיגע מיטלען צו קענען איבערקומען דער היסטארישער און געוואלדיג-שעדליכער פארפלייצונג וועלכט האט באטראפן איבערנאכט שטייען גרייט זאפארט זיך צו באניצן פאר די וועלכע זענען שווער באטראפן געווארן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך האב אנגעוויזן פאר אלע סטעיט אגענטורן באשעפטיגט מיט עמערדזשענסי אפרוף צו ארבעטן אינאיינעם מיט פעדעראלע און ארטיגע מיטארבעטער צו נעמען שנעלע און פאסיגע שריטן צו העלפן די קאמיוניטיס."

איבערנאכט האט גאווערנער האקול דערקלערט א סטעיט אוו עמערדזשענסי אין ניו יארק סטעיט אינערהאלב די קאונטיס פון בראנקס, דוטשעס, קינגס, נעסאוי, ניו יארק, אראנדזש, פוטנעם, קווינס, ריטשמאנד, ראקלענד, סופאלק, סוליוואן, אולסטער, און וועסטשעסטער אין אפרוף צו ים׳ען רעגן וועלכע האט רעזולטירט אין פלעש-פלאד אינצידענטן, ענערגיע אויסלעשונגען, רייזע צושטערונגען, און שאדנס צו באטראפענע ערטער און געדראעט דער פובליק געזונטהייט און זיכערהייט. דער גאווערנער האט אנגעוויזן פאר סטעיט אגענטורן, אריינגערעכנט דער דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס, דעפארטמענט אוו טראנספארטעישן, טרו-וועי אויטאריטעט, און אנדערע צו נעמען באלדיגע שריטן זיך אפצורופן צו אינצידענטן געברענגט דורך איידע. דער סטעיט אוו עמערדזשענסי עלימינירט פאטענציעלע שטרויכלונגען פאר ארטיגע אפרוף אקטיוויטעטן און גיבט נויטיגע מיטלען צו פארזיכערן אז ניו יארקערס קענען זיך גיכערהייט און זיכערערהייט איבערקומען פון דער קאטאסטראפע.

<u>**אגענטור אפרוף אקטיוויטעטן**</u>

**דעפארטמענט אוו טראנספארטעישן**

דער סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטעישן רופט זיך אפ מיט איבער 3,150 סופערוויייזערס און אפערעיטערס איבער׳ן סטעיט. עס זענען צו דער איצטיגער צייט פארהאן א צאל סטעיט ראודס פארמאכט אין דער הודסאן וואלי און ניו יארק סיטי, און DOT ארבעט אויף אויסצורוימען און איבערעפענען די ראודס אזוי ווי די פארפלייציונג וואסערן גייען אפ. דער DOT׳ס 24/7 אינצידענט קאמאנד סיסטעם איז אקטיווירט געווארן פאר אפרוף פארוואלטונג דורכאויס דער שטורעם.
אלע פאראנענע רעגן, פארפלייצונג, און ווינט אפרוף אויסריכטונגען זענען ארויסגעשטעלט געווארן דארט ווי עס נויטיגט זיך. די צאל אויסריכטונגען איבער׳ן סטעיט זענען ווי פאלגענד:

- 1,326 גרויסע דאמפ טראקס
- 51 לאודער-גרעפעל אטאטשמענטס
- 299 לאודערס
- 18 וואַקיום טראקס מיט סוער דזשעט
- 33 עקסקעוועיטער אויף טרעקס
- 43 עקסקעוועיטער אויף רעדער
- 52 טראקטאר טרעילערס
- 14 בוים-קרו באקעט טראקס
- 36 טראפיק סיגנאל טראקס
- 6 וואסער פאמפס (4-6 אינטשעס)
- 77 טשיפערס 10 אינטש (מינימום) קאפאציטעט
- 50 דזשענערעיטערס

**טרו-וועי אויטאריטעט**

דער טרו-וועי אויטאריטעט רופט זיך אפ צו דער שטורעם מיט 655 אפערעיטערס און סופערוויייזערס לענגאויס דעם סטעיט. דער טרו-וועי האט א צאל ראוד פארשליסונגען און לעין באגרענעצונגען לענגאויס

דער אונטערשטער טייל הודסאן וואלי ראיאן ווי אויך פארשליסונגען איבער דער טרו-וועי סיסטעם. מאטאריסטן ווערן שטארק דערמוטיגט צו פארמיידן ארומפארן אין דער ראיאן.
די צאל אויסריכטונגען איבער׳ן סטעיט זענען ווי פאלגענד:

- 212 גרויסע דאמפ טראקס
- 102 קליינע דאמפ טראקס
- 62 לאודערס
- 28 טרעילערס
- 8 וואקיום טראקס
- 9 עקסקעוועיטער אויף טרעקס
- 9 עקסקעוועיטער אויף רעדער
- 10 בראש טשיפער
- 100 טשעינסאוס
- 24 לופט טראקס
- 22 סקיד סטיערס
- 87 באוועגיגע דזשענערעיטערס
- 69 באוועגיגע באלייכטונג יוניטס

די טרו-וועי אויטאריטעט ראט פאר מאטאריסטן צו דאונלאד׳ען איר מאביל עפ וועלכע עס איז צו באקומען בחנם אויף איי-פאן און ענדראוד סמארטפאנס. דער עפ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע לעבעדיגע טראפיק קאמערעס, עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע און נאוויגאציע הילף בשעת מען איז אויפ׳ן וועג. מאטאריסטן קענען זיך אויך אויפשרייבן פאר TRANSalert אימעילס, וועלכע גיבן די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דער טרו-וועי, נאכפאלגן ThruwayTraffic@ אויף טוויטער, און באזוכן thruway.ny.gov צו זען אן אינטעראקטיווע מאפע פון טראפיק אומשטענדן אויף דער טרו-וועי און אנדערע ניו יארק סטעיט ראודס.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאל אפהיטונג**
DEC ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשער, עמערדזשענסי פארוואלטונג שטאב, און ראיאנישע מאנשאפט זענען אויף דער וואך און האלטן אן אויג אויף דער אנטוויקלענדע מצב און פאטראלירן אקטיוו די געגנטער און אינפראסטרוקטור וואס שטייט אויס געטראפן צו ווערן פון די שווערע וועטער. אלע אייגנשאפטן וואס זענען פאראן, אריינגערעכנט סוויפט-וואָטעאר רעסקיו מאנשאפטן, זענען פלאצירט אויף צו העלפן מיט סיי וועלכע עמערדזשענסי אפרוף.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג**
ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. פארק באזוכער זאלן נאכקוקן אויף **parks.ny.gov** אדער רופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע אפדעיטס וועגן פארק שעה׳ן, עפענונגען, און פארשליסונגען.

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**
ניו יארק׳ס יוטיליטיס האבן אומגעפער 6,000 ארבעטער וועלכע זענען גרייט אויסצופירן שאדן אפשאצונגען, אפרוף, פאררעכטן, און צוריקשטעל באמיאונגען לענגאויס דעם סטעיט. דעפארטמענט אוו פובליק סערוויס שטאב וועלן נאכשפירן די יוטיליטיס ארבעט במשך דעם שטורעם און וועט פארזיכערן אז די יוטיליטיס שטעלן די נייטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע זענען ערווארטעט דאס מערסטע באטראפן צו ווערן דורך האנרי.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
סטעיט פאליציי האבן ארויסגעהאלפן אויף מערערע ראוד פארשליסונגען אין דער אונטערשטער טייל

הודסאן וואלי און לאנג איילענד געברענגט דורך די שווערע רעגנס. סוויפט-וואָטער רעסקיו טיעמס שטייען ווייטער גרייט ארויסגעשטעלט צו ווערן. טרופערס האלטן א נאענטן אויג אויף די אומשטענדן און נאך איינגעשטעלטע וועלן ווערן ארויסגעשיקט צו אפעקטירטע ערטער לויט ווי עס וועט זיך נויטיגן. אלע פור-וויל-דרייוו וויהיקלס און אנדערע ספעציעלע וויהיקלס, אריינגערעכנט יוטיליטי טערעין וויהיקלס, זענען אין סערוויס.

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט | קאנאל קארפארעישען**
דער ניו יארק פאווער אויטאריטעט און ניו יארק סטעיט קאנאל קארפארעישען האלטן אן אויג אויף די אומשטענדן פון טראפישע דעפרעשען איידע, אריינגערעכנט ערטער אפעקטירט דורך שווערע רעגנס און פלעש-פלאד אינצידענטן. NYPA און קאנאלן פארשטייער זענען אין נאענטע פארבינדונג מיט סטעיט, קאונטי, און לאקאלע עמערדזשענסי איינגעשטעלטע. NYPA נעמט אויך אנטייל אין מיוטשועל הילף פלאנירונג קאללס פאר שטורעם אפרוף אין אנדערע ערטער פארבינדן מיט דעם שטורעם און שטייט גרייט צו שיקן NYPA טראנסמיסיע און אנדערע באאמטע אויב נייטיג.

**קאנאל קארפארעישען**
אין פארברייטערונגען פאר׳ן אנקומען פון טראפישע דעפרעשען איידע, האט דער קאנאל קארפארעישען פון פאראויס געהויבן די אויבערשטע טויערן פון איר באוועגיגע דעמס לענגאויס דעם ערי קאנאל און מאוהאק טייך צווישן לאק E-8 אין ראטערדאם און לאק E-12 אין טרייבס היל. הייבן די אויבערשטע טויערן פון די באוועגיגע דעמס נידערט די וואסער שטאפלען און איז א נייטיגע שריט צו העלפן לינדערן דער ריזיקע פון פאטענציעלע פלייצונגען און שאדן צו קאנאל אייגנשאפטן. דער קאנאל קארפארעישען האט געארבעט מיט מערינעס, שיף אייגנטימער, דאַק באזיצער, און אנדערע זיי מודיע צו זיין וועגן די פאטענציעלע ריזיקעס פון שאדן פון גענידערטע וואסער שטאפלען און ערווארטעטע וועטער. דער קאנאל קארפארעישען וועט אפדעיט׳ן דעם פובליק לויט ווי עס וועט זיך נויטיגן דורך נאטיץ צו מארינער ווארענונגען. מיטגלידער פון דער פובליק קענען זיך איינשרייבן אויף צו באקומען די מודעות דא.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט**
טויזנטער עם-טי-עי איינגעשטעלטע זענען באשעפטיגט אין אקטיוויטעטן לענגאויס דעם ראיאן צוריקצושטעלן באן סערוויס ווי שנעלער אין ערטער וואו עס איז נאך אפגעשטעלט. מאנשאפטן פאמפ׳ען ארויס וואסער פון פארפלייצטע סאבוועי טונעלן, רוימען אויס אפפאל אריינגערעכנט געפאלענע ביימער און פלאנצונגען פון סאבוועי און קאָמיוּטער באן רעלסן, אפערירן אן-פאסאזשיר באנען אויף מעטראָ-נאָרט ליניעס איבערצוקוקן טרעקס און אידענטיפיצירן ערטער וואו טרעקס זענען אפגעוואשן געווארן, און זיך באנעמען מיט שטורעם פארבינדענע ענערגיע אויסלעשונגען.

מעטראָ-נאָרט רעילראָוד סערוויס איז נאך אלץ אפגעשטעלט. דער ניו יארק סיטי סאבוועי און לאנג איילענד רעיל-ראוד אפערירן מיט סעגמענטן סערוויס צוריקגעשטעלט לויט ווי אומשטענדן ערלויבן. ניו יארק סיטי באסעס אפערירן מיט באלד-נארמאלע סערוויס אבער מער ווי 20 דיטוּערס זענען איינגעפירט געווארן פון 8 אינדערפרי אן צוליב ראוד אומשטענדן. עקסעס-א-רייד אפערירט אבער באריכטעט פארשפעטיגונגען צוליב שווערע טראפיק אומשטענדן.

קאסטומערס זאלן נאכקוקן אויף **MTA.info**, דער MYmta עפ, אדער סיי וועלכע פון דער אויטאריטעט׳ס טוויטער אקאונטס (@MetroNorth, @LIRR, @MTA, @NYCTSubway, @NYCTBus) פאר מינוט-צו-מינוט סערוויס ענדערונגען.

**פארט אויטאריטעט**
דער פארט אויטאריטעט זעצט פאר ווייטער צוריקשטעל באמיאונגען איבער אירע אלע איינריכטונגען. עירליינס האבן באריכטעט מינימאלע פארשפעטיגונגען און אפרופונגען פאר דאנערשטאג, אבער

פאסאזשירער ווערן געראטן זיך צו פארבינדן מיט זייער פליגער ליניעס וועגן פלייט סטאטוס איידער מען לאזט זיך ארויס צו לאגוואַרדיגע אדער דזשאן עף. קענעדי עירפארט. עירפארט ראודס זענען איצט מערסטנס אפגערוימט נאך די פארפלייצונג וואסערן פון נעכטן נאכט זענען אפגעגאנגען ספּיעד באַגרענעצונגען און פאטענציעלע טראק און מאטארביציקל פארבאטן וועלן ארויסגעשטעלט ווערן ביי פארט אויטאריטעט איבערגאנגען אויב פארלאנגען עס די אומשטענדן ווי צום ביישפיל הויכעווינטן. "פּעטה" סערוויס צו דער 33׳סטע סטריט און "וואורלד טרעיד צענטער" סטאנציעס לויפן מיט פארשפעטיגונגען.

פאר די לעצטע אינפארמאציע וועגן פארט אויטאריטעט איינריכטונגען, ביטע קוקט נאך אויף סאושעל מעדיע, שרייבט אייך איין פאר פי-עי מודעות, אדער דאונלאָוד׳ט איינע פון די פי-עי מאביל עפּס.

**דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס**
דער דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס מאביל קאמאנד צענטער וועט ארויסגעשטעלט ווערן צו אפעקטירטע קאמיוניטיס צוצושטעלן אינשורענס הילף פאר איינוואוינער באטראפן דורך דער האריקעין איידע שטורעם וועלכע האט געברענגט ענערגיע אויסלעשונגען און פארפלייצונגען איבער׳ן סטעיט און געצווינגען א סטעיט אוו עמערדזשענסי צושטאנד אין צוועלף קאונטיס. עס וועט ארויסגעשטעלט ווערן צו יאנקערס, וועסטשעסטער קאונטי אום סעפטעמבער 2.

צוליב שווערע שאדנס באטרעפנדיג היימען און פראפערטיס וועלן שטאב מיטגלידער פון דער דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס שטיין גרייט מיט א מאביל קאמאנד יוּניט צו העלפן איינוואוינער און ביזנעס אייגנטימער צו פייל׳ען אינשורענס קלעימס לויט ווי עס וועט זיך נויטיגן. איינוואוינער וועלכע קענען נישט קומען צו דער קאמאנד צענטער קענען רופן דעם דעפארטמענט׳ס דיזעסטער האטליין אויף **800-339-1759**, מאנטאג ביז פרייטאג, 8:30 אינדערפרי ביז 4:30 נאכמיטאג פאר הילף מיט אינשורענס פארבינדענע פראבלעמען.

גאווערנער האקול האט אנגעוויזן פאר׳ן דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס ארויסצושיקן א בריוו צו אלע אינשורענס צושטעלער צו קלאר מאכן זייערע פליכטן צוצושטעלן די נויטיגע רעסורסן פאר באלדיגע און יושר׳דיגע לייזונגען צו קלעימס וועלכע קומען אלס תוצאה פון דער שטורעם שאדנס. DFS וועט פארשנעלערן דאס ארויסגעבן פון צייטווייליגע עדזשאַסטער פערמיטס צו קוואליפיצירטע זעלבסטשטענדיגע אינשורענס עדזשאַסטערס פון אויסער׳ן סטעיט לויט די ניו יארק אינשורענס געזעץ. פארשנעלערן פערמיטס וועט ארויסהעלפן ניו יארקערס דורך העכערן די צאל עדזשאַסטערס וועלכע זענען גרייט צו פראצעסירן קלעימס און העלפן אז די קלעימס סעטלמענטס זאלן געצאלט ווערן און די פראפערטיס שנעלער פאררעכטן. DFS דערמוטיגט אינשורענס קאמפאניס ארייננצוגעבן סיי וועלכע נויטיגע אפליקאציעס דורך דער DFS וועבזייטל. די אינשורערס וועלן אויך דערמאנט ווערן צו אנבאטן אנדערע הילף, ווי צ.ב.ש. אינפארמאציע און קאנטאקטן פאר FEMA הילף.

DFS ערווארט פון אינשורערס צו:

- זאפארט פראצעסירן און אויספארשן אינשורענס קלעימס געמאכט דורך קלעימענטס;
- ערלויבן פאר קלעימענטס צוצושטעלן פשוט-שכל׳דיגע באווייזן ווי צ.ב.ש. פאטאגראפן אדער ווידעאו ראקארדירונגען (אן דאס דארפן א פיזישע אינספעקשען); מאטעריאל סעמפּעלס, אויב אנווענדליך; אינווענטאריס; און רעסיטס פאר סיי וועלכע פאררעכטונגען אדער ערזעצונגען פון פארמעגנס; און
- ערלויבן פאר קלעימענטס צו מאכן באלדיגע פאררעכטונגען צו געשעדיגטע פארמעגנס אויב נויטיג צו באשיצן געזונטהייט און זיכערהייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן